דבר מלכות לנוער

ב"ה ימות המשיח. עש"ק פרשת תרומה ג' אדר
הי' תהא שנת סגולות ונפלאות – ה'תשס"ו

# יעדער איד איז גאָלד

**לויט 'דבר מלכות' פון שבת פרשת תרומה תשנ"ב**

## די פראַגע

אין סדרה תרומה זאָגט דער אויבערשטער אָן "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם". אין די מצוה פון דאָס אויפבויאונג פון דעם משכן האָבן זיך באַטייליקט אַלע מענער און פרויען, און אויך די קינדער האָבן גענומען אַ אײַנטייל אין דעם בויאונג, זיי האָבן געגעבן פון זייערע געלט פאַר דעם בויאונג פון דעם משכן.

און פרעגט זיך די פראַגע: דער משכן איז געווען אַ חידוש נפלא (אַ וואונדערלעכער אויפטו), אַז דער אויבערשטער אַליין וועט אַראָפּקומען רוען אין אונזער וועלט. אפילו אין די הויכע עולמות פון אצילות, דער אויבערשטער אנטפלעקט זיך ניט אַזוי ווי ער אַנטפלעקט זיך אין משכן. און אין פלוג וואָלט געווען פּאַסיק און געהעריק אַז נאָר הויכע מענטשן וועלן זיך פאַרנעמען מיטן אויפבויען דעם משכן, נאָר די די חכמים און די צדיקים, פאַרוואָס לייגט די תורה אַרויף אָט דער וויכטיגער אויפגאַבע פון אויפבויען דעם משכן אויף דעם גאַנצן פאָלק, אײַנגעשלאָסן די קליינע אײַנגעשלאָסן די רשעים?

## דער ערקלערונג

אין מתן תורה, האָט דער אויבערשטער בוחר געווען אין דעם אידישן פאָלק. אָט די בחירה איר באַדײַטונג איז אַז יעדער איד אין יעדער צושטאַנד איז צוגעבונדן צו דעם אויבערשטן, און שטענדיק האָט ער "דאָס פינטעלע איד", און ס'ענדערט אינגאַנצן ניט ווי זעט ער זיך אויס פון דרויסן. זינט מתן תורה איז דער אמת'ער רצון פון יעדער איד צו מקיים זײַן וואָס דער אויבערשטער וויל, אַ נאַטירלעכער ווילן צו זײַן אַ גוטער איד, נאָר ווײַל ער איז אַ איד. און אָט דער ווילן עקזיסטירט אין יעדער צושטאַנד.

ווען דער אויבערשטער האָט געוואָלט פאַרבינדן עליונים און תחתונים, האָט ער אויסגעקליבן די אידן זיי זאָלן דאָס טאָן. ווײַל נאָר בכח פון אַ אידן וואָס געפינט זיך אין דעם גשמיות'דיקער וועלט (תחתונים) אָבער געבונדן שטענדיק צום אויבערשטן (עליונים), צו פאַרבינדן עליונים און תחתונים אַז דער אויבערשטער זאָל וווינען אין אונזער גשמיות'דיקער וועלט. יעדער איד איז געבונדן שטענדיק צום אויבערשטן, און דעריבער יעדער איד קען זיך באַטייליקן אין אויפבויען דעם משכן.

פון די זעלביקע סיבה, ווען די תורה רעכנט די נדבות המשכן וועלכע די אידן האָבן געבראַכט, דערמאָנט זי דער ערשטער זאַך דעם 'זהב' (גאָלד), ניט קוקנדיק אַז דער גאָלד איז געווען דוקא דער זעלטנסטער ליים אין משכן. 'זהב' איז דער טײַערסטער זאַך, און די תורה קומט אונטערצושטרײַכן די

מעלה פון דעם אידן אַז ער איז שייך ערשטנ'ס צו 'זהב', 'זהב' אין גשמיות און 'זהב' אין רוחניות, און ס'ענדערט ניט אין וועלכן צושטאַנד געפינט ער זיך.

## די שמחה פון חודש אדר

דאָס איז דער פאַרבונד צווישן פרשה תרומה און חודש אדר, דער חודש וואָס האָט זיך איבערגעקערט אויף שמחה.

די גרעסטע שמחה וואָס קען זיין ביי אַ אידן, איז בשעת ער ווייס אַז שטענדיק, אין יעדער צושטאַנד, איז ער אַ בן יחיד פון מלך מלכי המלכים, און ס'קומט אים די גרעסטע זאַכן.

**און בשעת אַ איד איז זיך אין דעם מתבונן ברענגט עס אים צו אַ שמחה גדולה ביותר, און אַזאַ שמחה וואָס מאַכט אויך איבער זיין גשמיות'דיקע לעבן . . די תכונה פון שמחה איז, אַז זי פועל'ט און נעמט דורך אַלע ענינים פון אַ מענטשן. בשעת אַ מענטש איז שמח – לעבט ער אַליין אַ פריילעכן לעבן, אַ פריילעכקייט וואָס ווירקט אויף אַלע זיינע טועכצן און אין אַלץ וואָס ער קומט אין באַרירונג, און ער איז אויך משמח אַנדערע אַרום אים. וואָס די שמחה גיט אריין מער הצלחה אין אַלע זיינע פעולות און אין זיין גאַנצן לעבן – ווי מ'זעט במוחש.**

## תכל'ס

דער רבי מלך המשיח שליט"א באַשטימט אַ פאַקט: יעדער איד איז רייך! ניט אַז ער קען זיין רייך, נאָר אַז ער איז רייך בפועל!

ס'פאַראַן אַזעלכע וואָס דאַרפן נאָך אַרבעטן כדי דאָס צו אַנטפּלעקן, אָבער די אַלע וואָס זעען עס ניט יעצט, עס זיינען גרייט פאַר זיי מעכטיקע אוצרות פון שפע ברכה וואָס וואַרטן נאָר פאַר זיי.

בפרט איצטער אין דער צייט פון די גאולה האָט יעדער איינער אַ פולשטענדיקע רייכקייט אַזוי ווי אין יציאת מצרים. מ'דאַרף נאָר זיך אָנשטרענגען דאָס צו אַנטפּלעקן. צו זיין רייכע אין רוחניות – תורה ומצוות, און אין גשמיות – אין זילבער און גאָלד, כדי מיר זאָלן קענען מקיים זיין מצוות בהידור, און רואיקערהייט.

און דער רבי מלך המשיח שליט"א גיט נאָך אַ ספּעציעלע הוראה, וואָס אידן אין אלע דורות האָבן געוואַרט איר צו הערן:

**צו אויפבויען דעם בית המקדש השלישי, בפשטות ממש, כפסק דין הרמב"ם אַז דאָס וועט אויפגעבויט ווערן דורך משיח צדקנו, "ובנה מקדש במקומו", וע"פ דברי הרמב"ם "הכל חייבים לבנות ולסעד בעצמן ובממונם, אנשים נשים כמקדש המדבר", איז מובן אַז אַזוי איז דאָס אויך בנוגע צום בית המקדש השלישי, אַז יעדער איד וועט זיך אין דעם משתתף זיין ע"י נדבותיו, אנשים נשים, ויש לומר – אויך טף.**

ס'איז געקומען די צייט צו אויפבויען דעם בית המקדש! מיר קענען דאָס ניט טאָן מיט אונזערע הענט, מלך המשיח ער איז דער וואָס וועט דאָס אויפבויען, אָבער דערווייליע קענען מיר ארויסהעלפן אים און זיך באַטייליקן אין די נדבות פאַר דעם בויאונג פון דעם מקדש.

און דער רבי מלך המשיח שליט"א אונטערשטרייכט דעם זכות פון די קינדער צו זיך באַטייליקן אין דעם בויאונג:

**ובפרט אַז בדורנו זה האָט מען שוין מחנך געווען און איינגעוואוינט – און מ'איז ממשיך אין דעם – קליינע קינדער אידישע**

**קינדער צו געבן צדקה: נוסף אויף צו מאַכן זיי שלוחים צו אָפּגעבן צדקה, גיט מען זיי אויך געלט וואָס ווערט זייערע געלט, בכדי אַז זיי זאָלן געבן פון די אייגענע געלט לצדקה.**

נאָך אַ הוראה וואָס איז פאַרבונדן מיט חודש אדר, צו צוגעבן פון טאָג צו טאָג אין שמחה, און אויך משמח זיין דעם אַנדערן, ווייל אַן אמת'ע שמחה איז ווען מפרייד זיך מיט נאָך אימעצן.

אויך צוגעבן אין לימוד התורה און קיום המצוות וואָס געבן צו אין רוחניות'דיקע שמחה, און דעמאָלט באַקומטמען אויך שפע אין גשמיות זאַכן וואָס ברענגען אַריין שמחה, און אויך דאָס דאַרפמען טאָן מיט'ן אַנדערן – געבן אים מתנות וואָס וועלן אים מאַכן צופרידן.

און פון שמחת חדש אדר – צו די גרעסטע שמחה, די שמחה פון די גאולה האמיתית והשלימה תיכף ומיד ממש.

• • •

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד!**


יו"ל ע"י
תנועת הנוער
צבאות ה' בארה"ק


**ווילסט איבערגעבן א שיעור 'דבר מלכות' אין דיין געגנט?**

**אין ארה"ק - קינדער: 5493-795 (054), אין ארה"ק - מיידלאך: 0770-646 (054),**
**אין ארה"ב: 4444-290 (718)**


עריכה: **בן מנחם** • הגהה רוחנית: **רבנים ואנשי חינוך** • הגהה לשונית: **ב. נחשון** • תורגם לאידיש ע"י **מנחם מענדל פעלדמאן** •
יו"ל במסגרת **מבצע עולמי ללימוד ה'דבר מלכות'**